**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## ICYMI: גאווערנער האקול'ס גאסט קאלומנע אין דעם USA TODAY צייטונגען: א פרייליכן מוטער'ס טאג — אזוי שטיצן מיר ניו יארקע מאמעס

די USA Today נעטווארק האט היינט פארעפנטליכט א גאסט ארטיקל דורך גאווערנער קעטי האקול לכבוד "מוטער'ס טאג" און צו פארשטעלן די באדייטפולע שריט וואס ניו יארק האט אונטערגענומען צו שטיצן מאמעס אריבער די סטעיט. די פולע ארטיקל איז געדרוקט דא אונטן, און עס קען געלייענט ווערן אויף די אינטערנעט [דא](#).

*דעם מוטער'ס טאג, וועלן ניו יארקער זיך צוזאמקומען מיט זייערע באליבטע און אנערקענען די מאמעס אין זייער לעבן — אריינרעכענענדיג מיין שניר וואס איז געווארן א מאמע צום ערשטן מאל בלויז איין יאר צוריק.*

*מיר קענען אבער נישט בלויז קויפן מתנות און בלומען קראנצן אויף דעם איין טאג יעדע מאי. עס קומט זיך פאר מאמעס אונזער שטיצע יעדן איינציגן טאג פון די יאר.*

*דאס איז די סיבה פארוואס אין מיין בודזשעט האב איך פארגעשטעלט אן אמביציעזע חזון נישט נאר צו מאכן ניו יארק פאר א באקוועמערע פלאץ וואו עס איז גרינגער זיך צו ערלויבן צו וואוינען, נאר אויך צו אויסשטרעקן א האנט דירעקט צו אונזערע מאמעס וועלכע נויטיגן זיך אין מער הילף פון סיי ווען בעפאר.*

***שטיצן ניו יארקע מאמעס און טשיילד קעיר***

*צום ערשט, האבן מיר אדרעסירט א זאך וואס קאסט אסאך אפ פאר נייע מאמעס — טשיילד קעיר (פלעי גרופ) דאס איז פערזענליך פאר מיר, ווייל אלץ די ערשטע מאמע און באבע צו פירן ניו יארק, פארשטיי איך די זארגן און אנגעצויגנקייטן פון יונגע פאמיליעס.*

*ווען איך בין געווארן א מאמע זענען נישט געווען קיינע פלעי גרופס פאר צוגענגליכע פרייזן וואס איך האב געקענט האבן, און איך האב געמוזט אויפגעבן א שטעלע וואס איך האב ליב געהאט אויף דעם קאפיטאל היל כדי צו אויפציהען מיינע קינדער. טויזנטע ניו יארקע עלטערן – און מאמעס באזונדער – מאכן די זעלבע וויתור יעדעס יאר.*

*אלץ גאווערנער בין איך שטאלץ אז מיר האבן פארברייטערט פלעי גרופ אפציעס און פארקלענערט די קאסטן פאר פאמיליעס. מיר האבן פארברייטערט בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר צו נאך 113,000 פאמיליעס דורכן העכערן די מאקסימום איינקונפט צו די מאקסימום וואס איז ערלויבט דורך דעם פעדעראלן געזעץ. אין צוגאב האבן מיר פארברייטערט די טשיילד טעקס קרעדיט צו אריינרעכענען*

*קינדער אונטער פיר יאר אלט, א זאך וואס וועט בענעפיטירן מער פון 525,000 פאמיליעס און כמעט 630,000 קינדער.*

*כדי צו אראפברענגען די קאסטן, האבן מיר פארקלענערט די סומע וויפיל עלטערן באצאלן פאר טשיילד קעיר דורכן פארזיכערן אז פאמיליעס וועלכע באקומען הילף וועלן נישט דארפן אוועקגעבן דערפאר מער פון איין פראצענט פון זייער יערליכע איינקונפט. חוץ פון דעם הויבן מיר אן מיט א פראבע פון א פראגראם פון פלעי גרופס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך ארבעטסגעבער.*

*צוזאמען וועלן די פראגראמען אויפהייבן א פינאנציעלע לאסט פון די אקסלען פון מאמעס וואס ארבעטן כדי זיי זאלן זיך קענען קאנצענטרירן אויף אנדערע וויכטיגע אויסגאבן ווי ווינדלען און פארמיולע.*

***מיר ארבעטן פאר ניו יארק'ס קינדער***

*אזוי ווי די קינדער וואקסן אויף, ווייס איך אז אלע עלטערן זענען פולשטענדיג איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז זייער קינד באקומט א חינוך פון די ערשטע קלאס. כדי צו פארשטערקערן סקולס און האלטן אונזערע קינדער אויף די רעלסן, האבן מיר געמאכט די גרעסטע אינוועסטירונג פאר סקולס אין די היסטאריע פון אונזער סטעיט.*

*מיר נעמען אונטער קריטישע שריט צו זיכער מאכן אז יעדעס קינד אין ניו יארק באקומט די חינוך פון א הויכע קוואליטעט וואס עס קומט זיך זיי אין א סיסטעם וואס שטעלט דאס פאר א פריאריטעט צו גיבן פאר יעדן א גלייכע געלעגנהייט [צו מצליח זיין].*

*און פאר אונזערע קינדער צו קענען מצליח זיין אין סקול, דארפן זיי נאראפטיגע עסן צו קענען בליהען. אונזער בודזשעט טיילט צו 134 מיליאן דאלאר פאר סקולס פון קינדער וואס קומען פון באפעלקערונגען מיט נידעריגערע איינקונפט כדי די שילער/ינס זאלן קענען עסן פרישטאג און מיטאג אומזיסט, אפגעזעהן פון די איינקונפט פון זייער פאמיליע. עס איז נאך אבער דא מער וואס מיר קענען טוהן צו קאנפראנטירן די אפארדעבילִיטי קריזיס.*

***מיר מאכן פארשריט מיט געהאלטן***

*הויכע אינפלאציע שעדיגט די ניו יארקער וועלכע זענען אין די שוואכסטע מצבים אין זייער בערזל, באזונדערס פרויען און מינאריטעטן. עס זענען דא קרוב צו 900,000 מענטשן אין ניו יארק וועלכע ארבעטן פאר א מינימום געהאלט. פילע פון זיי זענען איינצלנע מאמעס.*

*אין די צייט וואס די סומע פון די געהאלט איז געבליבן פארהעלטנסמעסיג אויף די זעלבע שטאפל זענען די דורכשניטליכע חודש'ליכע קאסטן פון פראדוקטן און עלעקטריציטעט פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט געוואקסן מיט מער פון דרייצן פראצענט אין לויף פון די לעצטע צוויי יאר.*

*די לייזונג דערצו איז איינפאך: אויב די קאסטן שטייגן, דאן מוז די געהאלט אויך שטייגן.*

*אנגעהויבן פון 2024 העכערן מיר אונזער סטעיט'ס מינימום געהאלט צו $16 אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער, און צו $15 איבעראל אנדערש. עס וועט פארגרעסערט ווערן מיט פופציג צענט אין 2025 און נאכאמאל אין 2026. און אנגעהויבן פון 2027 וועט די מינימום געהאלט אין אונזער סטעיט וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע — גאראנטירנדיג אז אויב די קאסטן שטייגן וועלן די ארבייטער נישט איבערגעלאזט ווערן פון הונטן. די פלאן איז ווי א רעטונג שטריק וואס באשיצט ארבייטער פון ווערן אויסגענוצט, און עס גיבט א וויכטיגע זיכערהייט מאסנאם פאר פאמיליעס.*

*דעם מוטער'ס טאג, נעמט ניו יארק אונטער אמביציעזע שריט צו מאכן אונזער סטעיט פאר א באקוועמערע פלאץ וואו עס איז גרינגער זיך צו ערלויבן צו וואוינען פאר פאמיליעס. כאטש עס איז נאך דא אסאך ארבעט צו טוהן, קומט זיך פאר אונזערע מאמעס גארנישט ווייניגער.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן